**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו שטרענג באהאנדלען ווילדע פארברעכן אנטקעגן פאליציי אפיצירן**

***געזעץ (S.772A/A.6318B) שטעלט אוועק א בלויע אלערט סיסטעם צו העלפן אידענטיפיצירן, טרעפן, און ארעסטירן מענטשן וועמען מען פארדעכטיגט אין הרג'ענען אדער ערנסט פארוואונדן א פאליציי אפיציר***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ צו שטרענג באהאנדלען ווילדע פארברעכן אנטקעגן פאליציי אפיצירן. געזעץ (S.772A/A.6318B) וועט אוועקשטעלן א בלויע אלערט סיסטעם צו העלפן אידענטיפיצירן, טרעפן, און ארעסטירן מענטשן וועמען מען פארדעכטיגט אין הרג'ענען אדער ערנסט פארוואונדן א פאליציי אפיציר. דורכן מאכן א בעסערע וועג צו פארשפרייטן אינפארמאציע פארן די פובליק אויף ווילדע פארברעכן ענפארסירונג, וועט די נייע געזעץ העלפן כאפן פארברעכער און פארבעסערן פובליק זיכערהייט דורכאויס די סטעיט.

"מיר נעמען א פארצווייגטע צוגאנג צו באשיצן די וועלכע דינען און באשיצן אונז, נעמענדיג אלע מאסנאמען וואס מיר קענען צו שטרענג באהאנדלען ווילדע פארברעכן אנטקעגן געזעץ פארסירונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק איז געגנצליך געטריי צו באשיצן אונזערע ברודער און שוועסטער אין געזעץ פארסירונג און די נייע געזעץ וועט זיין קריטיש וויכטיג צו מאכן מער פארזיכערטע קאמיוניטיס און ארעסטירן די וועלכע באגייען ווילדע פארברעכן אנטקעגן פאליציי אפיצירן."

געזעץ (S.772A/A.6318B) שטעלט אוועק א בלויע אלערט סיסטעם צו העלפן אידענטיפיצירן, טרעפן, און ארעסטירן מענטשן וועמען מען פארדעכטיגט אין הרג'ענען אדער ערנסט פארוואונדן א פאליציי אפיציר א בלויע אלערט ווערט ארויסגעגעבן צו מעלדן געזעץ פארסירונג אגענטורן, מידיע, און די פובליק וועגן פארדעכטיגטע וואס האבן גע'הרג'עט, ערנסט פארוואונדעט, אדער זענען  א באלדיגע געפאר פאר די פאליציי. מאכן א בלויע אלערט סיסטעם וועט העלפן כאפן פארברעכער וואס באדראען פובליק זיכערהייט דורך אוועקשטעלן א בעסערע וועג צו פארשפרייטן אינפארמאציע פארן די פובליק אויף פארברעכן אנטקעגן פאליציי אפיצירן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי עקטינג סופעראינטענדענט סטיווען א. ניגרעלי האט געזאגט,** "געזעץ פארסירונג איז באקאנט צו זיין א געפארפולע פאך. פונדעסטוועגן, טוען אפיצירן איסוועלן די פאך וויל זיי גלייבן אין פובליק סערוויס, העלפן מענטשן און לייגן די געברויכן פונעם פובליק פאר זיך אליין. יעדע רוף צו דינסט ברענגט מיט זיך אירע אייגענע שוועריקייטן און אפיצירן ווייסן קיינמאל נישט פאר זיכער וואס ווארט זיי אפ. דורכן מאכן א בלויע אלערט סיסטעם, קענען מיר בעסער באשיצן געזעץ פארסירונג פון מענטשן וועלכע זוכן צו אנזייען שאדן פאר אפיצירן וועלכע האבן פארפליכטעט זייער לעבן צו באשיצן מענטשן."

**אסעמבלימיטגליד סטיוו סטערן האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו ספאנסער'ן און דורכפירן דעם קריטיש וויכטיגן געזעץ אין שטיצע פון די קוראזשפולע מענער און פרויען פון געזעץ פארסירונג, וועלכע געבן אויף פון זיך אזוי פיל כדי אונז אלע צו האלטן פארזיכערט. די בלויע אלערט סיסטעם האט אן אויפגעוויזענע רעקארד פון ערפאלג דורכאויס דאס לאנד און מען וואלט לאנג דאס שוין לאנג געדארפט איינפירן אין ניו יארק סטעיט. די געזעץ וועט באשיצן אונזער קאמיוניטי, באשיצן אונזערע אפיצירן און ראטעווען לעבנס. איך דאנק מיינע קאלעגן אינעם לעגיסלעיטשור פארן אלע שטיצן די געזעץ און גאווערנער האקול פארן עס אונטערשרייבן אלס געזעץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418